"שמע ישראל ה' אלקינו ה' "אחד

קונטרס

# דורשי יחודך

שיחות ומאמרים
מאת
הגה"צ רבי **יעקב מאיר שעכטער** שליט"א

מאמר
**'עבדו את ה' בשמחה'**

**אידיש**

מועתק מלשונו הזהב

מאמר י'
חודש תשרי שנת תשפ"ג לפ"ק

לשמיעת המאמר מפי מורינו הגה"צ שליט"א, ולהערות והארות

**קול דורשי יחודך**

**718-586-5199**

בא"י 0765997840

~ ~ ~

ניתן לקבל מידי חודש הקונטרס באימעל: dyyms12@gmail.com

וכן ניתן לקבל את הקונטרס דרך הדואר, במחיר חודשי של 20$ עבור הוצאת עריכת הקונטרסים

נא להשאיר הודעה בקול דורשי יחודך נומער 9

~ ~ ~

נעשה בפיקוח **"מוסדות קרן אור"** – בנשיאת מורינו הגה"צ שליט"א

©
כל הזכיות שמורות
**למכון דורשי יחודך**

נסדר לדפוס ע"י:
ישר
Publishing & Production
718.484.2189

# תוכן המאמר


מידות – יסודי ושרשי התורה ............................................ א
די מידת העצבות 'באחרית הימים' ............................. ג
דער ביס פון דעם שלאנג ............................................ ד
דאס לעבעדיג קינד... ............................................ ו
אונטער א שלייער פון צִדקות ............................................ ז
עצבות האט מיר נאך קיין טובה נישט געטוהן .................... ט
העצבות מזיק מאד ............................................ י'
השער לגירוי והסתת היצר ............................................ יא
עצבות – ניטאמאל על העבירות שחטא בהם ..................... יב
זיי נישט בעצבות ווייל דו ביסט בעצבות... ..................... יד
שלא עשני גוי ............................................ טז
תשובה, אבער אָן קיין עצבות ............................................ יז
לאמיר נישט טראכטן פון דעם ............................................ יט
נאַר אים צוריק אפ! ............................................ כא
די אייביגע שמחה ............................................ כג
די ריינע שמחה פון א פשוט'ער איד ............................ כד
מעלת הניגון אין לשער ............................................ כה
עיקר החיבור והדביקות מעולם הזה להשי"ת .................... כו
"ואשה את רעותה תשמח" ............................................ כח

# מאמר י'

## עבדו את ה' בשמחה

**מידות – יסודי ושרשי התורה**

עס איז דאך ידוע, אז אין די ימי הספירה איז די עבודה - עוסק זיין אין מידות; מרבה זיין במידות טובות און ארבעטן אויף די מידות רעות וואס יעדער איינער האט אין זיך, בבחינת **"דרך ארץ קדמה לתורה"**[א]. און דרך ארץ דאס איז מידות - אלע מידות טובות: ענווה, טוב עין, זיך היטן פון כעס, היטן פון רע-עין, זיך היטן פון עצבות - און פון אלץ וואס איז מידות רעות. מידות גייט אריין אין דרך ארץ, און דרך ארץ איז קדמה לתורה[ב].

אינטערעסאנט, אין דער תורה איז דא אַן הדגשה, אז דרך ארץ איז קדמה לבריאת האדם [- "זאת התורה אדם"[ג]]: אז דער אויבערשטער האט געזאגט **"נעשה אדם"**[ד], זאגט רש"י: **"לא נמנע תורה מללמד דרך ארץ ומידת ענוה שיהא הגדול נמלך ונוטל רשות מן הקטן"**[ה]. איז פשט, אז א גדול וואס פארשטייט גוט א זאך און ער קען עס טוהן און ער קען עס אויספירן און ער דארף נישט צו

---

**א.** היינו שהוא קדמה לשבועות – זמן קבלת התורה.

**ב.** עי' ויקרא רבה ט, ג.

**ג.** כלומר, כמו שדרך ארץ קדמה לתורה כמו כן קדמה לאדם, בבחינת 'זאת התורה אדם' שהאדם היינו התורה, ודרך ארץ קדמה.

**ד.** בראשית א, כו.

**ה.** וז"ל: "'נעשה אדם' - אע"פ שלא סייעוהו ביצירתו ויש מקום למינים לרדות **לא נמנע הכתוב מללמד דרך ארץ ומידת ענוה שיהא הגדול נמלך ונוטל רשות מן**

קיינעם אנקומען, זאל ער זיך (עם-כל-זה) דורכרעדן מיט קטנים און הערן זייער דעה און הערן זייער עצה - און אזוי אפשטימען און נעמען רשות ביי זיי. (והתועלת בזה:) ער איז זיי מרומם מיט דעם וואס ער רעדט זיך דורך און ער איז זיך מתחשב בעצתם און ער נעמט נאך רשות ביי זיי; און ווייטער (- עוד תועלת), די קטנים ווייסן אויך ווי זיך צו פירן במידת ענווה וואס איז דער שורש פון אלע מידות. און דאס האט דער אויבערשטער מקדים געווען גלייך, ביים לשון "נעשה אדם" איז שוין דא דער לימוד פון דרך ארץ.

פאראיאר האט מען ארומגערעדט, אז לאחר שניתנה תורה איז די דרך ארץ 'גופה של תורה' און 'הלכות התורה'[ו]. און רבי חיים וויטאל זאגט נאך מער, אז עס איז אויך "יסודי ושרשי התורה"[ז] - אהא! דאס באווייזט, אז אזוי ווי עס איז דא תרי"ג מצוות, איז דא הלכות מידות וואס איז איין תורה, "כולא חד", און עס איז נאך מער - עס איז יסודי ושרשי תורה!

---

**הקטן** ואם כתב אעשה אדם לא למדנו שהיה מדבר עם בית דינו אלא עם עצמו. ותשובתו כתובה בצידו 'ויברא את האדם' ולא כתיב ויבראו".

ו. עי' ברטנורא על מסכת אבות פרק א משנה א: "'משה קיבל תורה מסיני' - אומר אני לפי שמסכת זו אינה מיוסדת ע"פ מצוה ממצות התורה כשאר מסכתות שבמשנה אלא כולם מוסרים ומדות וחכמי העולם ג"כ חברו ספרים כמו שהמציאו מלבם בדרכי המוסר כיצד יתנהג האדם עם חברו, לפיכך התחיל התנא במסכת זו, משה קבל תורה מסיני **לומר לך שהמדות והמוסרים שבזו המסכת לא בדו אותם חכמי המשנה מלבם אלא אף אלו נאמרו בסיני**".

ז. עי' בספרו הקדוש "שערי קדושה" חלק א', שער ב': "והנה ענין המידות הן מוטבעות באדם בנפש השפילה הנקראת יסודית הכלולה מארבע בחינות, הדומם והצומחת והבהמית והמדברת. כי גם הן מורכבות מטוב ורע, והנה בנפש הזה תלויות המידות הטובות והרעות והן כסא ויסוד ושורש אל הנפש העליונה השכלית אשר בה תלויין תרי"ג מצוות התורה כנ"ל בשער ראשון. **ולפיכך אין המידות מכלל התרי"ג מצות, ואמנם הן הכנות עקריות אל תרי"ג המצות בקיומן או בביטולם**, יען כי אין כוח בנפש השכלית לקיים המצות על ידי תרי"ג איברי הגוף אלא באמצעות נפש היסודית המחוברת אל הגוף עצמו בסוד (ויקרא י"ז י"ד) כי נפש כל בשר דמ"ו בנפשו הוא, ולפיכך ענין המידות הרעות קשים מן העבירות עצמן מאד מאד".

## די מידת העצבות 'באחרית הימים'

עס איז א דבר פלא וואס באחרית הימים איז אזוי נתפשט געווארן די מידת העצבות, עס איז אזוי געשטארקט געווארן די מידת העצבות. אפילו פון דעם "תולדות" איז דא א לשון, דאכט זיך, אז עס איז "**ירדה מרה שחורה בעולם!**"[ח]

דער רמב"ם ברענגט אראפ, אז עס קומען צו אים טויזנטער חולים. זאגט ער: מחולי השחורה קומען צו אים 'אחד מאלף'... עס איז דא עצבות, און עס איז דא עצבות וואס ברענגט שוין צו עצבים (- 'נערוון', וזהו חולי השחורה). איז א סימן אז עס איז געווען ווינציג, אחד מאלף. היינט איז עס כמעט רוב חולים אין דער וועלט רח"ל...

און דער תולדות זאגט אז "ירדה מרה שחורה בעולם". און עס ווערט שטארקער און שטארקער, און עס איז אזוי נתפשט און אזוי נתגבר. און עס איז געווארן ווייטער אַן ענין פון מתלבש במצוות ביי דעם[ט],

---

**ח.** עי' ספה"ק "תולדות יעקב יוסף" פר' נשא, אות ט"ו: "מצד עכירות ועצלות הגוף שמצד הקליפה שהוא עצבון **אין כל אדם עובד הש"י בשמחה כי אם בני עליה והם מועטין**, ורוב העולם ההולכין בתאוות עכירות גשמיות עושין כל חמדת העוה"ז בשמחה גדולה, כמו נצחון ומחלוקת לפזר רוב הון, **ולדבר קדושה מראה עצבות**". גם עי' ספה"ק "פורת יוסף" פר' תרומה: "ונחזור לביאור מורי זללה"ה בפסוק הנ"ל, 'כי יש מעשי הרשעים', אכילה ושתיה ושמחה ושחוק וכיוצא, ויש מעשי תענית וצום ובכי ומספד וכיוצא. **אמנם כשנתגברה חולי המרה שחורה על ידי עצבות וסיגופים וכיוצא, אז צריך לאחוז במדת הרשעים לאכול ולשתות ולשמוח ולהסיר החולי הנ"ל**, ולפעמים כשרואה היצר הרע מתגבר בו ילבש שחורים ועצבות, וכל זה צריך לשקול במאזני שכלו, וז"ש ואיני יודע באיזה מהם חפץ וכנ"ל. ואם אין לו דעת להכריע איזה דרך הטוב ילך לתלמידי חכמים שהם רופאי הנפשות, וכמו שכתב הרמב"ם בפרק ב' מהלכות דעות (ה"א), יעו"ש

**ט.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ב' מכתב קכ"ו) מה שכתב מורינו שליט"א וז"ל: ובליקוטי מוהר"ן (סימן קפ"ט) כתב רבינו הק': שעיקר יניקת הנחש הוא עצבות ועצלות בבחינת 'ונחש עפר לחמו' ע"ש. ואיך נכניס "**שורש פורה ראש ולענה**" (דברים כ"ט י"ז) כזה לעצה לתיקון השכינה. ואסור לקבל שום מחשבה ושום עצה ושום התעוררות לעבודת הבורא אם היא מלובש בעצבות ומרה שחורה רח"ל, כדוגמת אם היו מכבדים

אז מען האט פארגעסן אז אין תורת המידות ווערט עס נמנה בין המידות הרעות המגונות[י].

## דער ביס פון דעם שלאנג

נישט נאר דאס, נאך מער אפילו, עס איז נישט נאר א מידה רעה בפני עצמה, נאר עס איז פון די אבות נזיקין, **"אבות מכלל דאיכא תולדות"**[יא] - און עס האט אסאך תולדות. עס קומט גלייך א תולדה פון עצבות; עצלות קומט גלייך נאך עצבות, און עצלות איז א מידה רעה, עס איז גורם א וועלט מיט ביטול תורה און א וועלט מיט ביטול תפילה מיט ביטול זמן. און נישט נאר אין רוחניות, נאר אפילו אין גשמיות, דאס רעכנט זיך צווישן די מידות הרעות; עצלות איז א תולדה ישירה גלייך פון עצבות, אזוי ווי דאס לשון פון רבי'ן - דער רבי זאגט[יב]: **"עיקר יניקת הנחש איז מעצבות ועצלות!"**.

---

את האדם במשקה טוב ונעים ויודע שמעורב בו סם המות ח"ו, האם היה שותהו. **ואני מביא תמיד את המשל, שהארי מלך החיות היה חולה, ויעצו לו שיש איזה עשב רפואה צומח בנקיקי הסלע, אך לא ידעו איך להוציאו משם, ובא הנחש ואמר כי הוא יכול להוציא את העשב משם. והשיב הארי: ממך לא אקבל את רפואתי כי אם זה בא על ידך יהיה מעורב בזה ארס מות ויצא שכרו בהפסדו כפל כפלים, והבן.**

י. עי' "פלא יועץ" ערך 'עצבות': **"עצבות גם כן היא מדה רעה, מנפש ועד בשר יכלה**, כי משורש נחש יוצא, כי נחש עפר לחמו והעצבות הוא בא מיסוד העפר והיא מדת פלונית והאיש הזה לחלקה תקח לה כי כן שמה יללה ומביאו לידי...". וכו' עיי"ש. גם עי' "ספר הברית" ח"ב, מאמר ב' – 'מדות טובות והרעות', פ"ב: **"דע ידידי שהמדות הרעות רבות הן אבל כולם מושרשים בד' מדות ראשיים שהם אבות הטומאה**, ואלו הן. **א) העצבות**, ב) התאוה, ג) הדיבורים האסורים, ד) הגאוה" וכו' עיי"ש.

יא. גמ' בב"ק ב.

יב. עי' ספה"ק "ליקוטי מוהר"ן" סי' קפ"ט: "צריך ליזהר מאד מעצבות ועצלות, כי **עיקר נשיכת הנחש הוא עצבות ועצלות** בבחינת (ישעיה ס"ה): "ונחש עפר לחמו", עפר היא בחינת עצבות ועצלות שהם באים מיסוד העפר, כמובא בספרים".

און אויך ברענגט עס צו הקפדה יתירה; און עס ברענגט צו כעס; און עס ברענגט צו מקניט זיין יענעם און צו טשעפען יענעם, "**וְלֹא תוֹנוּ אִישׁ אֶת עֲמִיתוֹ**"[יג] – 'באונאת דברים הכתוב מדבר'[יד]. עס איז אַן איסור דאורייתא צו טשעפען א מענטשן, און דאס איז א תולדה פון עצבות.

און ווייטער – 'עקשנות': נישט מוותר זיין נעמט זיך אויך פון דער מידה פון עצבות. עס ווערט געבראכט[טו] עס איז דא "אמות שוחקות" און עס איז דא "אמות עצבות". וואס הייסט עס "אמות עצבות"? ווייל אַן עצב איז איינגעהאלטן, ער וויל נישט נאכגעבן. "שוחקות" - אז מען איז פריילִיך איז מען ברייטער, גיט מען אַן אמה רחבה. נישט וויתור דאס רופט זיך 'אמות עצבות', אַן עָצוּב גיט נישט, אַן עצוב בלייבט איינגעהאלטן. און ווייטער קומט עס לידי אכזריות[טז].

דער אמת איז, אז על פי דעת תורה, דער דעת היצר איז דער היפך האמת און היפך המציאות. על פי דעת אמיתי, **על פי דעת דקדושה, אז א מענטש איז בעצבות דארף ער זעהן אז יענער זאל זיין בשמחה**; **אז אים איז נישט גוט - זאל יענעם זיין גוט!** אדרבה, דאס איז די עצה אז ביי אים זאל עס נמתק ווערן, דאס איז די עצה היעוצה ממש. און דער דעת היצר איז פארקערט, אז ער איז בעצבות פייניגט ער צעהן ארום... דאס איז א מורא'דיגע זאך!

---

**יג.** ויקרא כה, יז.

**יד.** עי' רש"י שם.

**טו.** גמ' עירובין ג:

**טז.** לציין מ"ש בספה"ק "ליקוטי הלכות" הל' שבת ה"ז, אות מ"ה: "**וכל עיקר פגם כל העבירות הוא בחינת עצבות**, שמשם נמשכין כל העבירות שעיקרם פגם הברית שנמשך מהקליפה הנקרא לילי"ת על שם העצבות והיללה כידוע, ועל כן 'עבירה גוררת עבירה', כי העבירה נמשך מבחינת זהמת הנחש, שהוא בחינת 'בעצבון תאכלנה' היפך קדושת השמחה שהוא לשמוח בה' יתברך בחינת 'אנכי אשמח בה'', 'שמחו בה' וגילו צדיקים' וכו', וכשעובר עבירה חס ושלום, נמשך עליו עצבות בחינת 'אדאג

**דאס לעבעדיג קינד...**

איך געדענק, עס איז געווען אמאל שוין פאר גאר אסאך יארן צוריק, בשעת אונז זענען געווען א גאנץ עשרת ימי תשובה אין מירון. איז געווען א אינגל, א צוועלף-יעריג אינגל בערך, א פריילך אינגל, א לעבעדיג אינגל - אה! לעבעדיג, פריילך. [ליידער היינט איז ער א מענטש וואס אז ער זאל זיך קענען מאכן פריילך איז שוין אויך א חידוש...] ער פלעגט זיך קלייבן די אלע באהאלטענע שיחות, און פון רבי אברהם רבי נחמן'ס שיחות, ער פלעגט עס איבערזאגן מיט אזא שמחה, מיט אזא חיות, ער פלעגט קאמאנדעווען, א פרייליכע זאך געווען.

איז א טאג פאר ערב יום כיפור זענען א חבורה'לע געגאנגען רייסן אויף די בערג הדסים. איז דער אינגל מיט זיין טאטע אויך געגאנגען. און זיין טאטע איידער ער איז געגאנגען רייסן די הדסים האט ער זיך אויסגעטוהן זיין כאלאט, ער האט עס מקפל געווען און עס געלייגט אונטער א ביימל פון הדסים. [עס איז געווען נידריגע ביימער]. שוין. עס איז געווארן שפעט, מען האט געדארפט גיין - און ער דערקענט נישט דעם בוים ווי ער האט עס אוועגעלייגט. אלע האבן געזוכט, געזוכט, און מען האט נישט געקענט געפינען בשום אופן נישט. (היות) מען האט מורא געהאט אז מען וועט אניאגן ביי די בערג אינמיטן נאכט איז מען אוועק אָן דעם כאלאט.

נאך דעם, אויף מארגן, ערב יום כיפור, רבי שמואל שפירא[יז] ביים ציון ערב יום כיפור איז געווען מיוחד שבמיוחד שאי אפשר לתאר

---

מחטאתי' בחינת 'יגון ואנחה' שהם בחינת ס"ם ונוקביה, כמו שכתוב בכונות, **ומחמת התגברות העצבות יותר גוררת עבירה יותר** כנ"ל".

יז. ה"ה הרה"ח רבי **שמואל** ב"ר שלמה יצחק **שפירא** זצ"ל, נולד ביום ט"ז אייר שנת תער"ג בשכונת 'כנסת' בירושלים תובב"א, בצעירותו למד בישיבת 'עץ חיים' אצל הגאון בעל אבן האזל ז"ל, שחיבב אותו מאד, וניבא לו עתיד גדול בתורה ויר"ש. נתקרב לדרכו של רביז"ל על ידי הרה"ח ר' ישראל נחמן אנשין ז"ל בשנת תרצ"ג. ובראש השנה תשל"א זכה להיות באומאן במסירת נפש ממש, וכן בשנת תשל"ג

(היראה), עס איז געווען ערב יום כיפור'דיג, ממש אי אפשר לתאר וואס ער האט אוועקגעלייט אַן ערב יום כיפור. איז אינטערסאנט: ער גיט א קוק אויפן אינגל, דער טאטע האט געהאלטן דארטן געלט אין דעם כאלאט, דער אינגל איז געווען צעבראכן געפערליך. רבי שמואל גיט אים א קוק אָן, ער איז צעקלאפט, צעבראכן, פאר'דאגה'ט. גיט ער זיך א רוף אָן: **"אויב איינער איז שוין געווען צווישן אונז פרייליך ווי עס דארף צו זיין, איז ער אויך אריינגעפאלן אין עצבות..."**.

עס איז מיר געפאָלן, איך האב געזעהן אז דער איד (רבי שמואל) האט הנאה געהאט פון דער עבודה. ער פלעגט זיך אזוי זיצן ביים ציון (שקוע בעבודתו) - און ער האט הנאה געהאט פון זיין שמחה, ער האט הנאה געהאט פון די פרייליכקייט.

## אונטער א שלייער פון צִדקות

דער רבי זאגט טאקע אין דער ערשטער תורה אין ליקוטי מוהר"ן, דער רבי טייטשט איין דעם מאמר פון רבה בר בר חנה[יח]: **"הַאי גַּלָּא**

---

דרך אמעריקא. מיום עמדו על דעתו הכריז מלחמת קודש על יצרו, והיה קם בחצות הלילה ועורך עבודותיו העצומות, ושופך לבו כמים נוכח פני ה', כל ימיו היתה שרשרת אחת של כיסופים וגעגועים ודבקות להשי"ת, התפרסם בקדושתו העצומה, והיה חד בדרא בשמירת עיניו. ועם כל קדושתו ופרישותו היה טוב עין לכל בריותיו של הקב"ה. הרה"ח רבי לוי יצחק בענדער זצ"ל אמר עליו: הגם שלא הכיר את רבי אברהם ב"ר נחמן זצ"ל אבל בהתנהגותו ואורחות חייו היה כתלמידו ממש. נסתלק בשביעי של פסח שנת תשמ"ט לפ"ק בהיותו בן שבעים ושש שנים. ומנו"כ בהר הזיתים בירושלים עיה"ק תובב"א.

**יח.** וזל"ש: "וזה פירוש מה שאמר רבה בר בר חנה (בבא בתרא עג.): **'האי גלא דמטבע לספינתא מתחזי כי צוציתא דנורא חוורתא ברישא'**. [פירוש רשב"ם: **'אש לבנה ומלאך מזיק הוא'**]. **'ומחינן ליה באלוותא דחקיק עליה "אהיה אשר אהיה"'**. **"גלא"** הוא היצר הרע. **"דמטבע לספינתא"** הוא החן והחשיבות, לשון ספון וחשוב. כי היצר הרע רוצה להטביע ולהשפיל, חס ושלום, בחינת החן והחשיבות של ישראל, בחינת מלכות דקדושה. **"ומתחזי כי צוציתא דנורא חוורתא ברישא"**, כי **מתחילה היצר הרע מתלבש עצמו במצוות ומטעה את האדם כאילו מסיתו לעשות מצוה.** וזהו

**דְּמַטְבַּע לִסְפִינְתָּא**" - עס איז דא א כוואליע [וואס ווייזט אויס אז די נחותי ימא האבן דערקענט דער כוואליע] וואס איז "מטבע לספינתא" - עס דערטרענקט דעם שיף, "**וּמִתְחַזֵּי**" - די כוואליע קוקט אויס, "**כִּי צוּצִיתָא דְּנוּרָא חִוַּרְתָּא בְּרֵישָׁא**" - אזוי ווי א ווייסער פייער ביים שפיץ פון דער כוואליע. זאגט דער רשב"ם: 'אש לבנה ומלאך מזיק היא'.

דער רבי טייטשט: "גלא" - דאס איז דער יצר הרע, "דמטבע לספינתא" - ער וויל דערטרענקען דאס חשיבות פון א אידן. און דער בעל דבר איינע פון זיינע עצות איז אז ער איז זיך מתלבש במצוות אויף אלע מיני סארטן אופנים - און דא פטר'ט ער מיר אוועק.

דעם רבי'נס דיבור איז כולל אלע סארטן התלבשות במצוות, און דערפאר דארף זיך א מענטש גוט חושד זיין; אז ער מיינט אז עס איז א מצוה - און עס איז אַן עבירה, איז דאס איז אַן אש לבנה; מען מיינט אז עס איז א מצוה - און עס איז א מלאך מזיק, עס קומט גאר פון די סטרא אחרא.

אונזערע לייט אמאל פלעגן אבער מדגיש זיין, אז דאס גייט ארויף אויף עצבות, דאס איז א מלאך מזיק![יט] עס איז מזיק גשמיות, עס

---

בחינת 'צוציתא דנורא חוורתא', 'אש לבנה', אף על פי כן '**מלאך מזיק הוא**'", וכו', עיי"ש.

**יט.** עי' ספה"ק "ליקוטי הלכות" הל' פקדון ה"ד, אות י': "כשהאדם מתעורר קצת ורוצה לשוב לה' להתפלל או ללמוד וכיוצא הוא מתפשט כנגדו ומונעו בכמה מניעות וחלישות ובלבולים בלי שיעור עד שכמה פעמים גם כשמתפלל ולומד אין העבודה בשלימות כראוי, בפרט שכמה זמנים ועתים מבלבל אותו לגמרי מחמת טרדת הפרנסה וכיוצא, **ולא די לו בזה כי אם עוד אורב עליו כאילו אפס תקוה חס ושלום, כאילו אי אפשר לו עוד להתקרב לה' יתברך כראוי מאחר שעוברים ימים ושנים ועדיין הוא רחוק כמו שהוא רחוק**. ובאמת גם זה הוא תחבולות הבעל דבר **וגם זהו בחינת מה שמבואר בהתורה הנ"ל שהבעל דבר מתלבש את עצמו במצוות שמכניס בלבו התרשלות וחלישות על ידי המצות והיראה שלו שהוא מתלבש**

איז מזיק רוחניות! א הפסד מרובה עד למאוד![כ] מען מיינט אז עס טוהט אויף - עס טוהט גארנישט אויף!

## עצבות האט מיר נאך קיין טובה נישט געטוהן

עס איז דא אויף דעם א מאמר החכם[כא]. מען האט אמאל געפרעגט א חכם: פארוואס זעהט מען נישט קיינמאל קיין עצבות על פניך? זאגט ער, **ווייל פון זינט איך לעב האט דאס עצבות מיר קיינמאל נישט געטוהן קיין איין טובה...** ער איז געווען א מח שליט על הלב, וואס האב איך זיך צו מחבר זיין צו א זאך וואס טוהט נישט קיין טובות?![כב]

עס שטייט פון דעם חוזה מלובלין[כג] בשם האר"י הקדוש, אז בשעת א מענטש איז בעצבות זאל ער נישט טראכטן קיין עצה אויף קיין

---

**בהם** כאילו הוא רוצה בתקנתו ומוכיח אותו על ידי שהוא רחוק כל כך, ובאמת כוונתו להרע למנעו ולהחלישו גם ממעט עבודתו שרוצה לעסוק בה".

**כ.** עי' ספה"ק ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח: "ישמח מאד ויחזק עצמו בשמחה תמיד, כי **עצבות מזיק מאד מאד**. ודע, **שתיכף כשאדם רוצה ליכנס בעבודתו יתברך, אזי תיכף היא עבירה גדולה כשיש לו עצבות**, חס ושלום, כי 'עצבות היא סטרא אחרא (זהר נח דף עא), **והשם יתברך שונא אותה**'".

**כא.** עי' ספר "מבחר הפנינים" - 'שער האמונה': **"אמרו לחכם, למה אין אנו רואין עליך סימן דאגה? אמר להם, מפני שלא קניתי דבר ופקדתיו ודאגתי עליו!"**.

**כב.** עי' "ספר הברית" ח"ב, מאמר ב' 'מדות טובות והרעות' – פ"ב: "ובאמת **מידת העצבות היא סכלות גדול** ובחיק כסילים ינוח אם הוא על עניני עולם הזה, כי לא ימלט מלהיות או על עבר או על עתיד או על הוה, **ואם יצטער על עבר** הרי לא יועיל לו בזה כלום ולא יושב לו הנפקד ממנו כמו שאמר דוד על הילד ועתה מת למה זה אני צם האוכל להשיבו (שמואל ב' י"ב), **ואם יהיה על הוה** הרי לא ימלט מאחת משתי אלה אם יש תקוה ותחבולה לתקן הענין ההוא אם לא, אם יש ישתדל עליו ויעלה ארוכה, ואם לאו מה יועיל לו העצבות, **ואם יהיה עצבונו על העתיד** אולי ימות קודם ונמצא מצטער על עולם שאינו שלו,

**כג.** עי' ספה"ק "דברי אמת" בהנהגותיו הקדושים: **"והנה טוב למי שצריך לידע, שאם יש שום נדנוד עצבות אין להרהר ולעיין בשום ענין ולא לחשוב לתרץ שום הרהור**

איין זאך אין דער וועלט, ווייל וואס ער וועט טראכטן וועט ארויסגיין נישט גוט ח"ו! וואַרט! אז עס וועט אריבערגיין דאס עצבות העלפט דער אויבערשטער אז מיט איין בלינק שיינט דיר די פעולה וואס דו דארפסט טוהן קעגן דער דאגה, אָן עצבות!

### העצבות מזיק מאד

מען זעהט טאקע, די זאך פון רעדן א שיחה וועגן גנות העצבות און מעלות השמחה, עס גייט אריין (בגדר) 'א שמועס פון עבודת ה'". דער אויבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין "גדול תלמוד שמביא לידי מעשה"[כד].

אין רבי'נס זאך איז דא אלע קדושות, און אין דעם ענין אליין איז דא אסאך ארומצורעדן. דער רבי האט משיג געווען אלע קדושות אין דער וועלט, נגלה מיט נסתר - אלע ענינים: נגינה, ארץ ישראל, צדקה, תורה, השגות, תפילה, התבודדות, שמירת הברית - וואספארא רייכקייט עס איז דא אין רבי'נס זאך... און עס איז אלץ יסודות. **עם-כל-זה דערקענט מען די זאכן וואס מען זעהט אז דער הייליגער רבי האט מרחיב געווען הדיבור בזה פאר היינטיגע צייטן ממש! מען זעהט דאס ממש! מען זעהט, מען דערקענט!** און ער האט עס איבערגעגעבן פאר רבי נתן'ען צו מרחיב זיין את הדיבור בזה. און טאקע ביי די זאך זעהט מען אז דער רבי האט געמיינט היינטיגע צייטן, דער רבי איז ממש געווען א שליח מן השמים צו רעדן וועגן דעם און טוהן אין דעם, מען זאל נישט פארגעסן פון דעם[כה].

---

**ולא להוסיף אפילו.** וידוע לכל כי בעצבות אין השכל מיושב מה שאין כן כשדעתו של אדם מיושבת עליו. וזה ידוע לכל. **וכן נמי איתא בשם האר"י ז"ל".**

**כד.** קידושין מ:

**כה.** עי' ספר "משיבת נפש" בהקדמה: "והנה לבד מהנראה לכל מעיין בספריו הקדושים עמקות עצותיו בעבודת השם, **אשר אין דבר עצה קדושה שלא ימצא האדם בספריו הקדושים.** הפליא עצה הגדיל תושיה **ביותר**, לחזק ולאמץ כל הנפשות החלושות

דער רבי זאגט אין סימן מ״ח (תניינא): **״והעיקר לחזק את עצמו בשמחה בכל מיני עצות, כי עצבות מזיק מאד!״**

## השער לגירוי והסתת היצר

דער גאנצער ספר ״שערי קדושה״ פון רבי חיים וויטאל איז געבויעט אויף דעם וואס ער רעדט ווי אזוי עס דארף אויסקוקן אַן אדם דקדושה, און ווי אזוי צו זיין אַן אדם דקדושה וואס ער זאל זיין ראוי שתשרה עליו רוח הקודש טהורה, אָן דמיונות און אָן קליפת נוגה. ער בויעט עס טאקע אויף די צוויי יסודות: ״תרי״ג מצוות״ און ״סור מרע ועשה טוב״ בשלימות. אויך די מצוות וואס עס קומט נישט אויס צו מקיים זיין, כגון ׳פדיון הבן׳ ו׳מצוות התלוייות בארץ׳ וכו׳ וכו׳ - זאגט ער, ווען מען איז עוסק בתורה לשמה אין די הלכות ווי עס דארף צו זיין, איז דאס כאילו קיימם און ער וועט נשלם מיט די קומות דקדושה שבזה. דערנאך איז ער מאריך ומרחיב אין דער זאך פון מידות - מלא הרחקות פון מידות רעות, ממש דאס איז גופי התורה.

איז בשעת ער רעדט וועגן מידת העצבות, זאגט ער דעם לשון[כו]: **״העצבון הוא נמשך מזהמת ס״מ ונחש שהטילו באדם וחוה״**, און דאס איז א **״שער לגירוי והסתת היצר״**[כז].

---

והעייפות אפלו המונחות למטה בעשר כתרין דמסאבותא, שירדו בעונותיהם עד השאול תחתיות ומתחתיו, לכולם יעורר ויקיץ ויחיה לבל יתייאשו, חס ושלום, מן הרחמים ...וצעק בקולו הקדוש **גיוואלד! זייט אייך ניט מייאש** ומשך מאד תיבת **גיוואלד!** להורות ולרמז לכל אחד **לדורות**, שלא יתייאש בשום אופן בעולם אפילו אם יעבור עליו מה. **ורמז לנו מדבריו הקדושים אשר כל ענינו שבא לזה העולם הוא רק בשביל לתקן כל הנפשות הנפולות**״.

**כו.** וז״ל שם בח״ב, שער ד׳: **״העצבות גורמת מניעת העבודה וקיום המצות וביטול עסק התורה וכוונת התפילה ומבטל מחשבה טובה לעבוד את ה׳, והיא שער התחלת גירוי הסתת היצר הרע אפילו אם הוא צדיק**, בהראותו כי אין לו תועלת בעבודה בהיות יסורים עליו וכו׳. **וגם כי בא עליו בדרך חסידות באמור לו איך יעלה בדעתך עפר רמה ותולעה להתקרב להתקדש בקדושת מלכו של עולם**, וכמו

**און עס איז ידוע וויפיל מענטשן דער בעל דבר האט זיי אריינגעווארפן אין עצבות, און מיט דעם האט ער זיי געפירט אין די תאוות 'כצאן לטבח' און אין פריקת עול 'כצאן לטבח'!**

און ער זאגט, ער רעכנט אויס די זאכן: עס איז גורם אסאך ביטול עבודת ה', אסאך ביטול קיום המצוות, עס איז גורם ביטול תורה, עס נעמט צו כוונת התפילה, און עס נעמט צו הייליגע מחשבות צו דינען דעם אויבערשטן - דאס זאגט ער אין "שערי קדושה".

## עצבות – ניטאמאל על העבירות שחטא בהם

אין "פרי עץ חיים" אין "שער עולם העשיה"[כח], רעדט ער דארטן דאס חשיבות פון דאווענען בשמחה, און פון דאס חשיבות פון

---

שכתוב (משלי כ"ה ז') 'ראמות לאויל חכמות' וגו' וכמו שכתוב (איוב ל"ה ז') 'ואם צדקת מה תתן לו'. גם גורמת סלוק רוח הקודש מעליו, וההפך בהיותו עובד ה' יתברך בשמחה כמו שכתוב (תהלים ק' ב') 'עבדו את ה' בשמחה', כי השמחה מוסיפה חשק רב ואהבה להתדבק בו יתברך וכתיב (דברים כ"ח מ"ז) 'תחת אשר לא עבדת את ה' אלהיך בשמחה ובטוב לבב' וגו'. כי העבודה אם היא בעצבון דומה לעבד העובד לרבו בפנים עצבות וזועפות. וכתיב (משלי י' כ"ב) 'ברכת ה' היא תעשיר ולא יוסיף עצב עמה'. **כי העצבון הוא נמשך מזהמת סמא"ל ונחש שהטילו באדם וחוה** כמו שכתוב באדם (בראשית ג' י"ז) 'בעצבון תאכלנה' וכתיב (שם ט"ז) 'בעצב תלדי בנים', ועל ידי כך הקדוש ברוך הוא ושכינתו מסתלקים מעליו".

**כז.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ב' מכתב קכ"ו) מה שכתב מורינו שליט"א וז"ל: **ולא מצאנו שום היתר מרבינו הק' ולא משום צדיק מהבעש"ט ותלמידיו על עצבות.** ועיין בשערי קדושה מרבי חיים וויטאל זיע"א בזה"ל: העצבות הוא שער התחלת גירוי הסתת היצר אפילו אם הוא צדיק. וע"ש עוד הפסדים איומים היוצא מזה, רח"ל. ומוהרנ"ת אמר פעם לאחד אם היית תמיד בשמחה לא היית רואה פני גהינום, ו"**עוז וחדוה במקומו**" כתיב (דה"א ט"ז, כ"ז)

**כח.** פ"א, וז"ל: "ואסור לאדם להתפלל לפני ה' בעצבות, רק כעבד המשמש את קונו בשמחה גדולה, שאל"כ אין כח בנפש לקבל הארה עליונה הנמשכת בו ע"י תפלתו. ואין ראוי להיות עצב רק באומרו וידוי ובהזכרת עונותיו, אך בשאר התפלה לא ישים נגד עיניו שום עצבות, **אפילו דאגות עבירות שחטא בהם.** אמנם טוב הוא שיהיה נכנע באמרו את התפלה אך בשמחה גדולה, וזה דבר גדול מאד וראוי לזהר בו, **ואין**

דאווענען בדמע. זאגט ער, אבער אָן עצבות, אפילו על חטאים שעשה ח"ו - בשום אופן נישט, נישט דורך דעם (יבכה)! [כט]

היינט איז א צייט פון "בך חותמין". עס שטייט, "במידת אברהם" – 'במידת החסד'[ל]. בפועל זעהט מען טאקע אסאך מידת החסד, אבער מידת החסד איז אין אלע בחינות; אין דער זאך פון אהבה און השתוקקות וכיסופים צום אויבערשטן זענען מיר שטארק מסוגל צו דעם אין דעם חושך, מיר זענען גרעסער (מסוגל לזה) פון אברהם יצחק יעקב[לא]. דער 'שאור שבעיסה' דאס איז עצבות, דאס איז דער שאור

---

ערך לדבר הזה. **ודע שהתפילה בדמע מרוצה**, לפי שהדמעות נמשכין מחכמה ובינה, וכשאלו ב' ספירות נפתחים, אז יחול אור כתר עליהם, וימשכו רחמים לכל המדות. הר"א הלוי להר"מ קורדיוואורי".

**כט.** עי' ספה"ק "אמרי נועם" פר' מצורע: "בעת עמדו בתפלה צריך להיות בשמחה ובהתלהבות גדולה באהבה ויראה, **ולא יעלה כלל על מחשבתו מהעבירות שקודם**, כי זו היא עצת היצר הרע. **כי יותר חשוב להיצר הרע העצבות שאחר עשיית העבירה מהעבירה גופא**, כדי שיוכל אח"כ להפילו לעצבות, **כידוע זה בשם רבינו הקדוש מלובלין זצוק"ל**". גם עי' בספר "שיח שרפי קודש" (ברסלב, חדש) ח"ג, אות קמ"ז: מוהרנ"ת אמר: "**דער בעל דבר מאכט א מענטש זינדיגן, מיינט ער ניט אזוי דעם פגם, ווייל ער ווייסט אז מען קען טאן תשובה, ער מיינט נאר דעם אראפווארפן, ער וועט ווערן ביי זיך געפאלן – דאס מיינט ער אינגאנצן**".

**ל.** עי' ספה"ק "טהרת הקודש" - מאמר 'הצדקה', פ"ד: "לכן אחי אהובי אל תאמין לידיך הכפותים, ואל תאמין ללבך הרע. ודע כי תיקון נפשינו עכשיו תלוי במדת צדקה. כאשר אמרו צדיקי קדמאי על מאמר רז"ל (פסחים קי"ז) יכול יהו חותמין בכולן ת"ל והיה ברכה בך חותמין ואין חותמין בכולן: פירוש יכול יהיו חותמין בכולן שחתימת הגלות יהי' בכל שלשה בחינות של האבות דהיינו תורה ועבודה וגמילות חסדים. ת"ל והיה ברכה, בך חותמין, **חתימת הגאולה יהי' רק במדתו של אברהם אבינו, שהוא מדת החסד. וכן מקובל מרבינו הבעש"ט הקדוש זי"ע, שעכשיו בחתימת הגלות עיקר עליות השכינה, ועליות כל בירורי הניצוצין, הוא ע"י צדקה וחסד**".

**לא.** עי' ספה"ק "ליקוטי מוהר"ן" תניינא סי' ע"ח: "כי ישראל הם עכשיו קרובים אל הקץ מאד, ויש עכשיו לישראל געגועים גדולים וכסופין גדולים להשם יתברך, **אשר לא היתה כזאת בימי קדם**, וכל אחד נכסף מאד להשם יתברך".

שבעיסה! דאס איז בדוק ומנוסה! און די זעלבע זאך, וויפיל הבנת התורה דאס עצבות נעמט צו[לב].

## זיי נישט בעצבות ווייל דו ביסט בעצבות...

דער רבי האט געזאגט רבי נתן'ען - נישט מיט דעם לשון, אבער דאס איז דער משמעות[לג]: 'ראשית-כל' זאל מען נישט זיין בעצבות וואס מען איז בעצבות - דאס איז ערשט[לד]. און ווייטער דארף מען זיך דן זיין לכף זכות, אוודאי, מען דארף זיך גאר שטארק דן זיין לכף זכות ווילאנג מען לעבט.

---

**לב.** עי' ספה"ק ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' י': **"אך דע, שעל ידי מרה שחורה אי אפשר להנהיג את המח כרצונו, ועל כן קשה לו ליישב דעתו. רק על ידי השמחה יוכל להנהיג המח כרצונו, ויוכל ליישב דעתו"**.

**לג.** עי' ספר "שיחות הר"ן", אות קנ"ה: "והאריך הרבה בשיחה הקדושה הזאת והוכיח אותנו ואותי ביותר להתגבר להיות שמח וטוב לב בשבת ולהרבות בתענוגי שבת וכו' כנדפס שם. ואמר: הלא כל הוצאותיו של אדם קצובין חוץ מהוצאות שבתות ויום טוב וכו'. ואמר: הלא גם בעל הבית פשוט הוא שמח בשבת בהדגים והז'ופיצא שלו. ואחר כך אמר לי: **עתה יהא לך ממה להיות במרה שחורה**. כוונתו, כי מאחר שהוכיח אותי הרבה להיות בשמחה בשבת יכול להיות שאהיה חס ושלום במרה שחורה ביותר מזה בעצמו, מחמת שצריכין להיות בשמחה בשבת ואיני זוכה לזה. (ובאמת כוון מאד למחשבתי בזה כי תיכף בעת אמירתו כל הנ"ל התחיל לעלות על מחשבתי דאגות איך זוכין לשמחה בשבת). ובזה שאמר דיבוריו הקדושים האלו "עתה יהיה לך" וכו'. בזה ניחם וחיזק אותי הרבה **שעל כל פנים לא יהיה לי מרה שחורה מזה בעצמו שאני מחוייב לשמוח בשבת** וכנ"ל".

**לד.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק א' מכתב כ"ג) מה שכתב מורינו שליט"א וז"ל: מוהרנ"ת מתבטא הרבה פעמים במכתביו: **כדאי לו כל מה שעבר עליו שידע איך להתחדש עתה בעבודת ה'**. באימרה זו יש הדרכה בעבודת ה' לכל אחד, כי מוהרנ"ת לא השתמש עם העבר ליפול מזה ח"ו כדרך העולם, כי אם לקח את מעברי העבר והשתמש בהם ללימוד איך להתחדש להתנהג מעתה לעבוד את השי"ת, לידבק בחיים נצחיים ולדעת להנצל ממה שצריכים להינצל, ממה שלמד מכשלונות העבר.

וואס עס גייט איבער אויף א מענטשן ברוחניות ובגשמיות, "יַעֲלוּ שָׁמַיִם יֵרְדוּ תְהוֹמוֹת"[לה], דאס מאכט-אָן דאגות, און דאגות מאכט-אָן און איז גורם עצבות, און הזמן גרמא, מיט יעדעס קלייניקייט ממש פאלט מען אריין אין א דכאון (דעפרעסיע), און די מוחות זענען שוואך אז מען האט נישט דער כח צו נעמען א דאגה און עס אוועקלייגן אין א זייט און ממשיך זיין בתורה ועבודה און מתפקד זיין (-פינקציאנירן) אפילו בגשמיות באופן של שמחה. א דאגה? עס איז דא 'שיחה בינו לבין קונו', עס איז דא אַן ענין פון א קאפיטל תהלים. און ווייטער אז עס איז דא וואס צו טוהן - טוהט מען מיט ישוב הדעת. אבער דאס דארף נישט אריינגיין אינעווייניג, טאמער דאס עצבות איז כובש דעם מענטשן ממש, איז ער ממש ביד היצר, עס איז ממש א בחינה ווי דער רבי זאגט[לו], אז עצבות איז א בחינת מיתה, אזא בחינה איז דאס.

מען זעהט טאקע, עס איז דא א גמרא אין סנהדרין דף ק' עמוד ב'. איז דער לשון פון גמרא: **"לא תעיל דויא בלבך"**. "דויא" זאגט רש"י: 'דאגה'. לאז נישט אריין קיין דאגהביי דיר אין הארצן, **"דגברי גיבורין"** – מענטשן גיבורים, **"קטלא דויא"** – האט דער דאגה גע'הרג'עט - א לשון הגמרא. דער לשון הגמרא איז טאקע: "לא תעיל" - לאז עס נישט אריין, לאז עס ליגן, זיי פרייליך, זוך אַן עצה - אָן עצבות[לז].

---

**לה.** תהלים קז, כו.

**לו.** עי' ספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' כ"ג.

**לז.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק ב' מכתב קכ"ו) מה שמורינו שליט"א מאיר עינינו בענין זה, וז"ל: ומכפי שהבנתי מרבינו הק' ומוהרנ"ת זצ"ל, שלפעמים מתגברות המחשבות להיפך ממה שרוצה ח"ו, **מזה האיר לי שבדרך כלל לא צריכים לדחוק את עצמו לשמחה, כדי שלא יתגבר ההיפך ח"ו, אלא לטהר את המחשבה מעצבות, ולא להניח במחשבה שום עצבות.** ואפילו אם כבר מונח עצבות במחשבה ח"ו, לא להתעסק בה יותר מדי, ועי"ז ממילא יקל לו במשך הזמן. ועל ידי שהמחשבה מטוהרת מטומאת עצבות עי"ז ממילא באה השמחה בע"ה.

אוודאי א דאגה דארף האבן א פתרון: קודם-כל – 'תפילה'! נישט אז ערשט טוהט מען - עס איז דא שיחה בינו לבין קונו, (דערנאך) איז דא וואס צו טוהן, עס שיינט וואס צו טוהן, עס פאלט איין א זאך. אבער נעם עס נישט אריין אינעווייניג, עס איז א לשון הגמרא.

## שלא עשני גוי

מען זעהט דא אין דעם לשון פון רבי'ן[לח]: "**על כן צריך להשתדל בכל כוחו להרחיק ולגרש את העצבות והמרה שחורה, בין על-ידי שיחפש בעצמו עדיין הנקודות טובות, בין על-ידי שלא עשני גוי**". קען זיין אז דער רבי האט אנגעכאפט "על-ידי שלא עשני גוי" - א נקודה וואס עס איז נישטא קיין פירכא אויף דעם, עס איז נישטא קיין פירכא אויף דעם "שלא עשני גוי", פערטיג![לט] אזוי ווי מען איז באשאפן געווארן, און מען איז געווארן גע'מל'עט - עס איז א נקודה

**לח.** בספה"ק "משיבת נפש" ח"א, אות ל"ד (ע"פ ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' מ"ח): "והעיקר לחזק את עצמו בשמחה בכל מיני עצות כי עצבות מזיק מאד **על כן צריך להשתדל בכל כוחו להרחיק ולגרש את העצבות והמרה שחורה, הן על ידי שיחפש וימצא בעצמו עדיין נקודות טובות וכו הן על ידי שלא עשני גוי. ועל פי רוב אי אפשר לשמח את עצמו כי אם על ידי עניני צחוק ושחוק וכו, כמו שכתבנו כל זה באות 'שמחה' עיי"ש**".

**לט.** עי' ספה"ק "סיפורי מעשיות" בסופו במעשה מצדיק שנפל לעצבות מש"ש בא"ד: "'שלא עשני גוי'. וזה בודאי שמחה גדולה שאין לה שיעור. **כי אין לשער ההפרש וההבדל, אלף אלפי אלפים הבדלות, שיש בין קדושת ישראל, הפחות שבפחותים, לבין זוהמת טומאת העובדי כוכבים** וכשיזכור היטב חסד השם יתברך עליו, שלא עשהו גוי, בודאי ראוי שתגדל שמחתו מאד. **והיא שמחה שאין עליה עצבות**. כי בשלמא כשמשמח עצמו בדבר שעשהו הוא עצמו, על זה אפשר למצוא עצבות על כל שמחה. כי ימצא לו חסרונות בכל דבר כדי שלא להניחו להרים ולשמח עצמו. אבל בזה, שלא עשני גוי, שהוא רק מהשם יתברך, שהשם יתברך עשה כך וחמל עליו ולא עשהו גוי, איך אפשר למצוא חסרון בזו השמחה מאחר שהוא רק מעשה השם יתברך. כי בודאי איך שיהיה. על כל פנים הוא הפרש גדול בינו לבין עובדי כוכבים, אשר אין שיעור וערך".

טובה וואס אליבא דאמת איז די שמחה פון דעם 'בלי קץ', מען דארף עס נאר דערוועקן, לעתיד וועט מען דאס פארשטיין.

ווייטער קען זיין, אז דער רבי איז מרמז, אז וואספארא נקודה דו געפינסט ביי דיר זאלסטו זיך נישט לאזן אפפרעגן; אזוי ווי אויף שלא עשני גוי קענסטו דיר אפפרעגן? חזקת כשרות! דאס איז דאס! עס קומט למעלה - ביסטו א איד! מען דארף מקיים זיין דער גאנצער תורה, איז דאס אויך אזוי.

**תשובה, אבער אָן קיין עצבות**

(שם בהמשך:) **"ועל-פי רוב אי אפשר לשמֵח את עצמו כי אם על ידי עניני צחוק ושחוק וכו', כמו שכתוב כל זה באות 'שמחה', עיין שם"**. מען קען זאגן אפשר בדרך לימוד אדער בדרך דרוש, אז דער רבי כאפט אָן אזוי: "להרחיק" "ולגרש". דאס איז צוויי זאכן: 'להרחיק' איז, 'לאז נישט אריין', דערווייטער עס פון דיר, לאז אים נישט אריין אינעווייניג, "לא תעיל דויא בלבך" - דאס איז להרחיק. און 'לגרש' איז, אז עס איז שוין אריין; אז עס איז שוין אריין איז שוין אַן אנדערע זאך.

נאכער, דער אויספיר איז אויך צוויי עצות: "לחפש בנקודות טובות" איז דער פשט - מען זעהט אז דעם רבי'נס לשון אין "אזמרה" איז: אז דער בעל דבר ווייזט דיר אז דו ביסט מלא חטאים ועוונות - און ער וויל דיר אריינווארפן אין עצבות - זאגט דער רבי, 'ניין, לאז אים נישט אריין! טראכט, קוק: איך האב 'די' נקודה טובה, 'די' נקודה טובה, איך האב געטוהן 'די' מצוה, 'די' מצוה, איך האב נישט געטוהן די עבירה' (וכדו') - לאז נישט אז עס זאל זיין מיט פניות[מ] – ניין! איך בין א איד, וויפיל דברים טובים האב איך געטוהן, וויפיל דברים

---

מ. עיי"ש ב"משיבת נפש" אות כ"ו: "כשמתחיל האדם להסתכל על עצמו ורואה שרחוק מטוב והוא מלא עוונות אזי יכול ליפול על ידי זה ולא יוכל להתפלל כלל, על כן הוא מחויב לחפש ולבקש ולמצוא בעצמו איזה טוב, כי איך אפשר שלא עשה מימיו איזה מצוה או דבר טוב?! **ואף כשמתחיל להסתכל באותו טוב שעשה, הוא**

רעים האב איך זיך אפגעהאלטן צו טוהן. און בזכות זה אז דו זוכסט נקודות טובות, וועסטו זעהן נאך נקודות טובות און נאך נקודות טובות. און טראכט נישט פונעם רע בשום אופן נישט! בוי, בוי דעם טוב, וועט קומען שמחה, איך בין א איד! אז איך האב נקודות טובות און איך קוק נישט אויף קיין רע האב איך אַן אומץ (- שטארקקייט) של שמחה זיך צו צו פארען מיט די עוונות וואס דער בעל דבר איז מיר מפריע, 'אָן' עצבות. ווער הייסט דיר האבן עצבות? עס איז דא וואס צו טוהן, מען קען תשובה טוהן אָן עצבות![מא] עס פעלט נישט וואס צו טוהן.

---

**רואה שהטוב בעצמו הוא מלא פצעים ואין בו מתום, כי הטוב מעורב בפניות ובפסולת הרבה, אף על פי כן אי אפשר שלא יהיה בהמעט טוב איזה נקודה טובה**, וכן צריך לחפש ולבקש עד שימצא בעצמו עוד איזה דבר טוב **ואף שגם זה הטוב מעורב גם כן בפסולת הרבה, עם כל זה על כל פנים יש בו איזה נקודה טובה** וכן יחפש ויבקש עוד, עד שימצא בעצמו עוד איזה נקודות טובות, ועל ידי זה שמוצא בעצמו איזה זכות וטוב על ידי זה יוצא באמת מכף חובה לכף זכות ויוכל לשוב בתשובה על ידי זה, ועל ידי זה יוכל להחיות את עצמו ולשמח את עצמו איך שהוא, ואז יוכל להתפלל ולזמר ולהודות לשם. (ע"פ ליקו"מ סי' רפ"ב)".

**מא.** עי' ספה"ק "ליקוטי הלכות" הל' שבת ה"ז, אות מ"ה: כי **אף על פי שהבעל תשובה צריך לצעוק ולבכות הרבה לפני השם יתברך ולשבר לבו מאד**, כמו שכתוב: 'לב נשבר ונדכה אלקים לא תבזה', **אבל אף על פי כן צריך להיות בקי בהלכה שלא יתרחק חס ושלום מהשם יתברך יותר על ידי זה ...שלא יבא על ידי זה לעצבות ומרה שחורה דסטרא אחרא**, וכמו שהזהיר אדמו"ר ז"ל על זה, ואמר **שלב נשבר הוא ענין אחר מעצבות** (שיחות הר"ן מ"א, ועוד). וצריכין ליזהר שלא יתאחז העצבות מהלב נשבר, על כן הזהיר להתגבר שיהיה כל היום בשמחה בכל דרכי עצותיו הקדושות, רק בשעה מיוחדת יהיה לו לב נשבר לפרש שיחתו לפניו יתברך כבן לפני אביו וכו'. גם עי' ספה"ק "תפארת שלמה" פר' ויגש: "ועתה אל תעצבו וגו'. הנה ועתה הוא לשון תשובה לכן אמר **אעפ"י שאתם צריכין לשוב בתשובה על המעשה הזה אשר עשיתם. אך אל תעצבו לא בעצבות הוא דרכי התשובה כי התשובה היא מצות עשה מן התורה וצריך לעשותה בשמחה** כמו שכתוב (בתפלת שחרית) עבדו את ה' בשמחה. ולכך ועתה הוא לשון תשובה כי הבע"ת צריך לומר מעתה הנני שב הנני חוזר בתשובה ולא אשוב לכסלה עוד רק עתה אהיה ברוך ה' מהיום והלאה".

אין "סור מרע" פון רבי הערשעלע זידיטשובער ברענגט ער אראפ[מב], אז דער זמן פון תשובה איז פארן שלאָף - יא, דעמאלט איז אַן עת רצון פון תשובה, ווייל איידער מען לייגט זיך שלאפן קען מען תשובה טוהן אויפן גאנצן טאג בכלל, עס איז דא זמנים פון עת רצון. דו שפירסט אז עס גייט מיט עצבות? לאז עס אפ! לאז אפ ערשט די ווידוי, לאז עס פאר א צווייטן זמן, אויף פארטאגס, דעמאלט אָן עצבות!

פון דאס לשון וואס דער רבי זאגט דארטן, זעהט מען אז דער רבי זאגט אז 'דער בעל דבר וויל דיר אריינווארפן אין עצבות': "**ורוצה הבעל דבר להפילו על ידי זה בעצבות**" ווייל דו ביסט מלא חטאים. זאגט דער רבי – ניין! הויב אָן, טראכט נישט פון דער רע - איך האב געטוהן 'דעם' טוב, איך האב געטוהן 'דעם' טוב, איך האב געטוהן 'די' מצוה (וכו'). און בזכות זה וועט דיר דער אויבערשטער ווייזן נאך טוב און נאך טוב, בויעסטו אויף דיין שמחה, קענסטו דיר שלאגן מיט די הפרעות, צו רוחניות'דיגע הפרעות צו גשמיות'דיגע, אָן עצבות קענסטו עס בייקומען.

## לאמיר נישט טראכטן פון דעם

אַן אינטערעסאנטע זאך: איך האב געזעהן אז עס קומט אויס א דאפעלטע עצה: טראכט דעם טוב, און טראכט נישט פון רע. אינטערעסאנט, יעדע זאך פון דעם רבי'נס עצות קומט מגנזי מרומים. איך האב געזעהן אין "ילקוט המכירי" וואס איז מיוסד אויף תהלים

---

**מב.** פרק שני אות י"ד. גם עי' "חיי מוהר"ן" אות תנ"ג: "אמר (רביז"ל): כמו שאתם רואים אותי, רצוני לומר שבודאי אתם מחזיקים אותי לצדיק גמור, אף על פי כן אם הייתי עובר חס ושלום עבירה גדולה ביותר, אף על פי כן לא היתה העבירה משלכת אותי כלל רק הייתי אחר העבירה איש כשר כמו קודם, **רק אחר כך הייתי עושה תשובה** (האט וויא איר זעהט מיך, איך זאל חס ושלום עובר זיין דיא גרעסטע עבירה, וואלט דאס מיך גאר ניט אראפ געווארפן, איך וואלט נאך דעם געוועזן אזוי איין ערליכער יוד וויא פריר, דער נאך וואלט איך תשובה גיטאן)".

- אלע מדרשים מיט אלע חז"ל'ן אויף תהלים. ברענגט ער אראפ א מדרש, עס איז אין מדרש רבה[מג], דאכט זיך אין קאפיטל ח': "**כִּי יוֹדֵעַ ה' דֶּרֶךְ צַדִּיקִים וְדֶרֶךְ רְשָׁעִים תֹּאבֵד**"[מד]. אמר רבי ברכיה: אז דער אויבערשטער האט געוואלט באשאפן אדם הראשון, האט ער געזאגט אזוי: אז איך וועל אים באשאפן וועט ארויסגיין פון אים צדיקים ורשעים. איז וואס טוהט מען? איך זאל אים יא באשאפן - וועט ארויסגיין פון אים רשעים, וועל איך אים נישט באשאפן - וועט נישט ארויסגיין קיין צדיקים. [צדיקים - איר ווייסט וויפיל צדיקים עס זענען געווען אויף דער וועלט?! איר ווייסט וויפיל נחת רוח דער אויבערשטער וועט האבן לעתיד פון צדיקים? עס איז דא אזא לשון אין תהלים[מה]: "**אֶסְפְּרֵם מֵחוֹל יִרְבּוּן**". זאגט רש"י: "מחול ירבון" – 'עס גייט אויף די צדיקים', זייער אסאך צדיקים געווען].

איז וואס האט דער אויבערשטער געטוהן? "הפליג דרכן של רשעים מכנגד פניו" – אוועק! איך טראכט נישט פון דעם! [עס איז א משל, ווייל מען רעדט פון אויבערשטן, עס איז נישט שייך צו זאגן, אבער ביי אונז איז עס א לימוד]. אוועק גענומען מכנגד פניו, ווי מען זאגט, טראכט נישט פון דעם, לאמיר טראכטן פון דעם נחת רוח פון די

---

**מג.** בראשית רבה פר' ח' פס' ד': "א"ר ברכיה בשעה שבא הקב"ה לבראות את האדם הראשון ראה צדיקים ורשעים יוצאים ממנו אמר אם אני בורא אותו רשעים יוצאים ממנו ואם לא אברא אותו היאך צדיקים יוצאים ממנו. **מה עשה הקב"ה? הפליג דרכן של רשעים מכנגד פניו ושיתף בו מדת רחמים ובראו.** הה"ד (תהלים א) 'כי יודע ה' דרך צדיקים ודרך רשעים תאבד' - איבדה מכנגד פניו ושיתף בו מדת רחמים ובראו. ר' חנינא לא אמר כן אלא בשעה שבא לבראות את אדם הראשון נמלך במלאכי השרת ואמר להן נעשה אדם בצלמנו כדמותנו אמרו לו: אדם זה מה טיבו? אמר להן: צדיקים עומדים ממנו. הדא הוא דכתיב: 'כי יודע ה' דרך צדיקים' כי הודיע ה' דרך הצדיקים למלאכי השרת, 'ודרך רשעים תאבד' - איבדה מהם. גילה להם שהצדיקים עומדים ממנו ולא גילה להם שהרשעים עומדים הימנו **שאילו גלה להם שהרשעים עומדים הימנו לא היתה מדת הדין נותנת שיברא**".

**מד.** תהלים א, ו.

**מה.** קלט, יח.

צדיקים וואס וועט ארויסגיין פון אדם הראשון. און ער האט אים באשאפן.

דאס איז ממש די עצה פון דער זאך: קוק די נקודות טובות, קוק נישט דער רע, עס וועט דיר צעברעכן אינגאנצן און דו וועסט גארנישט פארדינען! קוק די נקודות טובות, בוי זיך אויף מיט דיין טוב, און מכח זה וועסטו ערשט ברעכן דער רע אָן עצבות.

איז אויף "להרחיק" זאגט דער רבי די זאך פון 'נקודות טובות'.

און אויף "לגרש" - דא זאגט שוין דער רבי די עצה פון 'שחוק', דא דארף מען שוין האבן 'מילתא דבדיחותא'; אז עס איז שוין אריין דאס עצבות אינעווייניג און ער לאזט נישט זיין פרייליך מיט קיין איין זאך, ער לאזט נישט בשום אופן שבעולם, ער לאזט נישט בכל הכוחות, דא דארף מען אים אפנארן.

## נאַר אים צוריק אפ!

רבי נתן אין ליקוטי הלכות[מו] זאגט: **"לדוד בשנותו את טעמו"**[מז]. דוד המלך איז מרמז אויף מלכות דקדושה, און ער איז אריינגעפאלן

**מו.** הל' נפילת אפים ה"ד, אות ו': "וזה בחינת (תהלים לד) 'לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך ויגרשהו וילך'. כי **דוד המלך הוא בחינת מלכות דקדושה** שהוא בחינת השכינה שהוא בחינת מלכות דוד משיח כידוע שהוא בחינת שמחה כנ"ל. ...ועל כן בעת שבא דוד ביד הפלשתים בגלות ותפסו אותו והביאוהו לפני אבימלך ורצו לנקום בו. וראה דוד שאי אפשר להתגבר עליהם ולצאת מהם כי אם על ידי שמחה שעל ידי זה עיקר ההתגברות על הקליפות והסטרא אחרא שהם בחינת עצבות כנ"ל, אבל בעת תוקף הגלות שמתגברין במרירת השעבוד ואינם מניחים לשמוח. ואם כן מאין יבא עזרנו כי אי אפשר להמלט מהסטרא אחרא כי אם על ידי שמחה, ולשמחה אי אפשר לזכות מחמת תוקף התגברותם בגלות כנ"ל, על כן דוד המלך שהיה שמחתן של ישראל כשנפל בגלות ביד הסטרא אחרא שהם הפלשתים. **חנן ה' אותו בעצה הזאת שעשה עצמו כשוטה ממש ועשה מעשה שטות ושגעון ממש** והוריד רירו על זקנו וַיְתָו על דלתות השער וכו' (שמואל א כא) ועל ידי זה נמלט מידם, **כי על ידי מילי דשטותא דייקא באים לתוך שמחה** שעל ידי זה נצולין מהם, כי עיקר

ביי אכיש מלך גת. [ווייל 'לדוד בשנותו את טעמו לפני אבימלך', אלע מלכי פלשתים האבן געהייסן אבימלך, אבער עס איז די זעלבע זאך פון אכיש מלך גת]. איז דאס אז דוד איז אריינגעפאלן ביי אים און ער האט זיך דערוואוסט אז דאס איז דוד, זאגט רבי נתן, אז דאס איז מרמז אז די מלכות דקדושה איז אריינגעפאלן אין די הענט פון די סטרא אחרא. און די עצה איז, 'שמחה'. אבער זיי לאזן דאך נישט בשום אופן נישט - דארף מען זיי אפנארן. אז ער מאכט גאר א מילי דבדיחותא, א מילתא דשחוק, דא לאזט ער, מען נארט אים אפ; אזוי ווי ער נארט טאקע אפ דער גאנצע וועלט, קען מען אים אויך אפנארן - און דא לאזט ער (- הבע"ד).

מיר האט געזאגט א איד - א איד אַן ערליכער איד וואס לערנט פאר א בלעטל גמרא ברבים, א איד וואס האט א אידישע שטוב, א איד ממש א צדיק, אבער די פרנסה זיינער איז כל ימיו א פסיכאלאג, מען גייט אסאך צו אים. ער איז שוין היינט אלט, איך בין געווען ביי אים פאר אפאר וואכן צוריק, צו צוויי וואכן צוריק. זאגט ער מיר, אז מען האט אויסגעפונען היינט, אז בשעת א מענטש לאכט איז דער מח מבחיש (- שפירט) אַן הרגעה, פשוטו כמשמעו, דער מח איז מבחיש אַן הרגעה.

קומט אויס, ער לאזט נישט זיין פרייליך? "בשנותו את טעמו", האט ער געמאכט מילי דשטותא! אויף מילי דשטותא לאזט ער זיין פרייליך, וועט ער זיין פרייליך.

דערנאך דארף מען האבן שכל, אז ער גיט דיר א פתח - דו ביסט ארויס? דו ביסט אביסל משוחרר געווארן פון דעם עצבות? דו האסט געבראכן דעם תוקפא דדינא? האב שכל גיי אריין אין שביל הקדושה, פריי זיך מיטן בורא עולם!

---

ההתגברות עליהם הוא על ידי שמחה, **ואי אפשר בגלות לשמוח כי אם על ידי מילי דשטותא דייקא** כנ"ל", וכו' עיי"ש.

מז. תהלים לד, א.

## די אייביגע שמחה

מען דארף וויסן אז דער אויבערשטער האט באשאפן טוב און ער האט באשאפן רע. דער טוב איז נצחי, און דער רע וועט זיין כלה ונאבד, עס איז נאר א 'רוח סערה הגדול בשעתו' ביז עס וועט קומען דער זמן פון **"אלילים כרות יכרתון"** **"ואת רוח הטומאה אעביר מן הארץ"**. אבער 'דאס' איז נצחי, און 'דאס' איז כליון ואבדון[מח].

דא איז די זעלבע זאך: שמחה איז נצחי! שמחה קומט פון גאר א הויכן פלאץ, **"עֹז וְחֶדְוָה בִּמְקֹמוֹ"**[מט]. און שמחה איז באשאפן געווארן למען הנצחיות! למען הנצחיות, **"שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בה' תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי"**[נ], למען הנצחיות איז עס באשאפן געווארן. עצבות וועט נכלה ווערן גלייך מיט דער סטרא אחרא. דארטן איז **"ונסו יגון ואנחה"**[נא] **"ומחה ה' אלקים דמעה מעל כל פנים"**[נב]. אבער שמחה - שמחה מיט זיו השכינה איז מאוחד בתכלית האחדות! "תגיל נפשי באלקי", דאס איז איינס מיט זיו השכינה, און זיו השכינה איז איינס מיט שמחה, דאס איז ממש מאוחד.

---

**מח.** עי' ספר "כוכבי אור" ערך 'ששון ושמחה', תפילה א', הערה ג': "...כבר נודע מה שמוהרנ"ת ז"ל דיבר פעם אחת מפירוש תיבת **"אייביג"** (נצח) והמובן מדבריו הקדושים שבהאמונה הפשוטה מצוה גדולה להתפלא מרחוק על גודל ועומק פירוש התיבה הזאת. ...כי גם כל העינשים מרים ומרורים שלו שיצטרך לסבול עד אשר יזדכך, **אף על שיהיו קשים וגרועים מכולם**, כאַין יהיו נחשבים נגד העונג אשר יזכה גם הוא גם אם לא עשה בזה העולם **רק מצוה אחת**. כי העינשים גם אצלו יהיו מוגבלים ותקות חוט זוהר אין סוף בדעת למעלה מדעת, ובעונג למעלה מעונג, אשר תזכה נשמת כל אחד מישראל גם על ידי מצוה אחת יהיה עד בלתי תכלית וגבול" וכו' עייעו"ש בדבריו הנפלאים ומבוררים.

**מט.** דברי הימים-א טז, כז.

**נ.** ישעי' סא, י.

**נא.** שם לה, י.

**נב.** שם כה, ח.

"שירת הים". מען איז ארויס בגלות בשירה, און מען וועט ארויסגיין פון גלות בשירה, דער תיקון עולם וועט זיין דורך שירה! ביים שירת הים - דער "**זה קלי ואנוהו**" מיט דער "**שירה ושמחה**" דאס איז איינס ממש!

די גמרא[נג] זאגט דאך: 'שָׁר' לא נאמר אלא 'יָשִׁיר'. און דער רבי זאגט דאך אז דער 'ישיר' איז דער 'שיר שיתער לעתיד': שיר פשוט, שיר כפול, שיר משולש, ומרובע, אויף ע"ב נימין, עשרה מיני נגינה, די שמחה פון דער וועלט![נד] וואס איז די שמחה פון דער וועלט? דאס איז גילוי כבודו, גילוי זיו השכינה, דאס איז די שמחה פון דער וועלט, און דאס איז דער תיקון פון דער וועלט. מען זעהט דא אז דער גילוי שכינה און דער זיו השכינה און די עונג פון דעם און די שמחה, דאס איז גאר איין זאך ממש!

## די ריינע שמחה פון א פשוט'ער איד

מען זעהט אז די נקודות טובות וואס מען געפינט אין זיך, און די נקודות טובות וואס מען געפונט אין יענעם, רופט אן דער רבי: "**אזמרה**"**!** דאס איז איין זאך!

דערפאר טאקע - בדרך כלל - עס איז קיין ספק נישט, אז א איד וואס איז נאר א מאמין בה' ובתורתו, אפילו ער האט א שמחת חיים, א געוועגטליכע שמחת חיים – ליידער עס איז היינט דא זייער ווינציג שמחת חיים... וואו איז היינט דא שמחת החיים?! דער שמחת החיים פון א פשוט'ער איד איז נקי וצח בקדושה לגמרי![נה] דערפאר זאגט

---

**נג.** סנהדרין צא:

**נד.** עי' ספה"ק ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' ח'.

**נה.** עי' ספה"ק "ליקוטי הלכות" הל' שבת ה"ז, מ"ה: "**ושורש נפשות ישראל הוא בחינת שמחה**, כי שרשם במחשבה דקודשא בריך הוא. כי ישראל עלו במחשבה תחילה ששם מקור השמחה, כמו שכתוב, 'עוז וחדוה במקומו', כי אין עצבות לפני

טאקע דער רבי: זיך מחיה זיין מיט "שלא עשני גוי", ערלעדיגט, איך בין נאר א איד, איך לעב, איך בין נאר א איד, איך האב קיין איין מעלה נישט, נאר דאס איז איין זאך.

עס איז א דבר ידוע, עס קען טאקע זיין, עס איז דא אמאל, דער רבי זאגט אז מען דארף גוט דורך לערנען אלע מיני עצות. אז א מענטש איז גאר שטארק קלאר און ער האט א שטארקע בהירות אין א זאך, איז פון דעם קלארקייט פון דער "**וידעת היום**" קומט דער "**והשבות אל לבבך**". אויב דער דעת איז קלאר קומט עס אריין אין הארצן.

דאס אליין טאקע, עס זאל זיין ביי אונז א שטארקע קלארע בהירות: אז עצבות איז פון דער סטרא אחרא! עצבות טוהט גאר נישט אויף! עצבות איז מזיק! עס זאל זיין קלאר קלאר, נישט עס טוהט אויף ברוחניות און נישט בגשמיות, עס איז סטרא אחרא, עס איז מזיק, קלאר! (וכן יהי' ברור:) שמחה איז קדושה! שמחה איז דער גרעסטער כלי אומנות אויף צו דינען דעם אויבערשטן און דער גרעסטער אומנות אויף הצלחה, עס זאל קלאר זיין! דאס קען ברענגען אז מען זאל האבן א ריכטיגע הבנה אין דעם רבי'נס דיבורים פון שמחה אז עס זאל קומען לידי מעשה טאקע.

## מעלת הניגון אין לשער

עס איז דא אסאך זאכן פון וואס צו רעדן אין דער זאך, גאר אסאך פרטים, נאר עס איז דאך א בעל-שם'סקע זאך, צו זיך צוזאמען קומען צוזאמען, זינגען צוזאמען, זיך פרייען, זיין פרייליך צוזאמען, דביקות צוזאמען, דאס איז פון די זאכן וואס דער בעל שם הקדוש האט איינגעפירט אין דער וועלט.

---

המקום, כמו שאמרו רז"ל". גם עי"ש בהל' פריה ורביה ה"ג, אות ל"ד: "**כי הם** (העכו"ם ואפיקורסים) **כל ימיהם אין להם שום שמחה אמיתית שתהיה מגיע לחלק מאלף ממעט השמחה שיש לפחות שבישראל בכניסת שבת וכיוצא**".

איר ווייסט? עס איז דא א ספר אויף שירה, ער ברענגט אראפ מורא'דיגע זאכן, ער ברענגט אראפ אז דער גאון האט געזאגט: "**כמה ניגונים הביא משה מהר סיני**"[נו]. און עס איז דא א מדרש, אז משה האט זיך שטארק מטריח געווען צו לערנען מיט די לויים 'נגינה'. וואס הייסט 'זיי לערנען'? לערנען איז פשט, אויסלערנען דעם סוד פון נגינה. איר ווייסט וואס נגינה איז? דאס איז גופי תורה, נגינה איז גופי תורה. [אויף נאך ענינים האט ער געמאכט א באזונדערן פרק, נישט נאר א באזונדערע, נאר אסאך]. דער ענין וואס דער רבי האט מגלה געווען אין נגינה[נז] - -

דער בעל שם האט מתקן געווען מען זאל זיך צוזאמענקומען, זינגען צוזאמען, זיין בדביקות צוזאמען, זיין פרייליך צוזאמען! כפי וואס דער רבי האט גערעדט פון נגינה, אזא דרגא ורמה וגבוה, דער רבי האט מוסיף געווען טעם לשבח פאר דעם ענין, וואס שבח הוא הפרי.

## עיקר החיבור והדביקות מעולם הזה להשי"ת

מען דארף זיך טאקע באנייען בכל עת מצוא, מרבה זיין עס זאל זיין מער בקביעות, זיך צוזאמען קומען, זינגען צוזאמען, דביקות'ן

---

**נו.** עי' בספר "פאת השולחן" (לרבי ישראל משקלאוו ז"ל, תלמיד הגר"א), בהקדמה: "רבינו אמר, רוב טעמי התורה, וסודות שירי הלוים, וסודות תיקוני זוהר, אי אפשר לידע בלעדי חכמת מוסיק"א (נגינה), ועל ידו יכולים בני אדם למות בכלות נפשם מנעימותיה, ויכולים להחיות המתים בסודותיה הגנוזים בתורה. הוא אמר, **כמה ניגונים וכמה מידות הביא מרע"ה מהר סיני**, והשאר מורכבים".

**נז.** עי' בכמה מקומות בספריו הקדושים. והרי לפניך מ"ש ב"שיחות הר"ן" רע"ג: "אמר (רביז"ל): טוב להאדם להרגיל את עצמו שיוכל להחיות את עצמו עם איזה ניגון. **כי ניגון הוא דבר גדול וגבוה מאד מאד, ויש לו כח גדול לעורר ולהמשיך את לב האדם להשם יתברך**. ואפילו מי שאינו יכול לנגן, אף על פי כן בביתו ובינו לבין עצמו יוכל להחיות את עצמו באיזה ניגון כפי שיוכל לזמר אותו, **כי מעלת הניגון אין לשער**. וכבר מבואר בדברי רז"ל **כמה תורות גבוהות מענין ניגון**. ועיין בסוף המעשה של השבעה בעטלירס שם מרומז קצת מעלת הניגון. כי מבואר שם שעיקר

צוזאמען, אט דאס הייסט המתקת הדינים[נח], עס איז א טובה ברוחניות און א טובה בגשמיות, מען ווערט אפילו גארנישט אן פון דער צייט, מען באנייט זיך, און מען דערהאלט זיך, עס גייט אריין די קדושה פון איינעם אינעם צווייטן, עס איז א תיקון נפלא, דאס איז אַן עבודה רצויה לפני המקום.

נאך מער, אז אליהו הנביא האט מגלה געווען אויף צוויי אינשי בדיחי[נט] וואס זיי האבן געהאט אַן עבודה צו משמח זיין מענטשן, האט ער געזאגט אז זיי זענען בני עולם הבא. מכל שכן דער ענין פון זיך צוזאמען קומען, עס איז היינט ברוך ה' דא א רייכקייט פון ניגונים - אויך אלטע, מיט נייע, עס איז דאך דא אזויפיל סגולות אין דעם, עס איז דביקות[ס], עס איז השתוקקות, התרוממות הנפש, השתפכות הנפש, המתקת הדינים, עס האט דאך אין זיך אזוי פיל סגולות, א געוואלד מיט סגולות, געוואלדיגע סגולות אין זיך.

---

רפואת הבת מלכה שנפלה חלשות הוא על ידי ניגון, היינו על ידי עשרה מיני נגינה כמו שמבואר שם עיי"ש. **והבן מאד עד היכן הדברים מגיעים**".

**נח.** עי' ספה"ק ליקוטי מוהר"ן סי' מ"ב.

**נט.** עי' גמ' תענית כב.

**ס.** עי' ספה"ק "ליקוטי הלכות" הל' נשיאת כפים ה"ה, אות ו': "**עיקר הדביקות וההתחברות להשם יתברך מזה העולם השפל והגשמי והנמוך מאד הוא על ידי ניגון וזמרה. וכמו שרואין בחוש שאפילו האדם הרחוק מאד מהשם יתברך ומונח בדיוטא התחתונה על פי רוב על ידי ניגון נתעורר להשם יתברך ומזכיר את עצמו היכן הוא בעולם**. רק כששומעין הניגון ממנגנים רשעים או קלים המצויים עכשיו ביותר אזי יוכל להזיק לו ביותר כמו שכתוב במקום אחר (בסימן ג' לקוטי א'), אבל כששומעים ניגונים וזמירות מאנשים כשרים באמת המכוונים את לבם להשם יתברך או כשמנגן בעצמו איזה ניגון וכוונתו לשמים יכולים להתעורר על ידי זה מאד להשם יתברך **וכמו ששמעתי מאדוננו, מורינו ורבינו זכרונו לברכה, כי עיקר החיבור והדביקות מעולם הזה הגשמי להשם יתברך שהוא מרומם ונשגב מאד, בפרט מי שחטא ונתרחק מאד מאביו שבשמים הוא על ידי ניגון וזמרה** שהוא בחינת כל השירות והתשבחות שאומרים להשם יתברך. ועל כן יָסַד דוד המלך ע"ה כל ספר תהלים שכלול מכל העשרה מיני נגינה, כמו שאמרו רז"ל".

מכל-שכן אז מען קומט זיך צונויף צוזאמען, איז עס דאך א מצוה דרבים, א מצוה דרבים פון א טובה בגשמיות, א מצוה דרבים פון א טובה ברוחניות, און עס איז המתקת הדינים, דאס איז דאך א זאך וואס ברוך ה' מען האט דאס. מען דארף דאס וויסן, עס איז א מצוה, א מצוה פון עבודת ה', אויב גייסטו משמח זיין א אידן, דו וועסט אים זאגן עפעס א מילתא דבדיחותא, עפעס אים צו משמח זיין, איז דאס אמת'ע עבודת ה'[סא].

## "ואשה את רעותה תשמח"

אן אינטערסאנטע זאך: דער ווילנער גאון אין א מכתב, אין זיין אגרת, עס איז געדרוקט אין סוף "מסילת ישרים", ער האט עס געשריבן (אויפן וועג קיין) ארץ ישראל. שרייבט ער זיין רעבעצין: "**ואשה את רעותה תשמח בדברים**" - דו זאלסט זעהן אלעמאל משמח זיין דיינע חבר'טעס בדברים, "**וזה מצוה לכל אדם**" - יעדער מענטש איז מצֻוה אויף דעם צו יענעם משמח זיין. דארף מען דאך זיין אליין פרייליך.

אידישע שמחה איז קדושה, אידישע שמחה איז אמונה, אידישע שמחה איז טהרת הקודש! און מען דארף האבן דעם קלארקייט אין דעם אז דאס איז דאס, דאן איז דער גישה צו דעם גאר גאר עפעס אנדערש, נישט אז מען דארף זיך עפעס נייטן - נאר דאס איז דאס, עס איז נישטא אנדערש, עס איז אמת - אמת על פי רוחניות, אמת

---

**סא.** עיין בספר אוסף מכתבים (חלק א' מכתב מ"ו) מה שכתב מורינו שליט"א וז"ל: ומובא בלקוטי הלכות (נפילת אפים הל' ד') שהמלתא דבדיחותא שעושים בפורים הוא מפני שעיקר השמחה הוא שייך למלכות דקדושה כמ"ש (דה"א ט"ז, כ"ז) "עוז וחדוה במקומו", ועכשיו השמחה היא בגלות, לכן קשה לשמוח שמחה של מצוה (שאין שום שמחה זולת שזוכין בעולם הזה לעשות נחת רוח להבורא יתברך שמו), **אבל עם מלתא דבדיחותא ביותר קל לשמוח, כי זה דברי רשות, ואז כשזוכין לשמוח ע"י המלתא דבדיחותא, עי"ז מעלין את השמחה לתוך הקדושה ושמחים אח"כ לא עם המלתא דבדיחותא אלא עם השי"ת. וזה סוד שמעלין את השמחה לתוך הקדושה.**
הרחמן יחזקנו ויאמצנו וישמחנו, ויהיה עוז וחדוה במקומינו.

על פי גשמיות, עס האלט אויס אלעס, כל מיני מטעמים האלט עס אויס!

שוין, דער אויבערשטער זאל העלפן אז עס זאל מקויים ווערן ביי אונז "**שׂוֹשׂ אָשִׂישׂ בה' תָּגֵל נַפְשִׁי בֵּאלֹקַי**"[סב] "**וְנַפְשִׁי תָּגִיל בה' תָּשִׂישׂ בִּישׁוּעָתוֹ**"[סג] לכל אחד ואחד מאתנו, און עס זאל נמתק ווערן אלע דינים פון דער גאנצער וועלט, דער אויבערשטער זאל העלפן!

---

**סב.** ישעי' סא, י.

**סג.** תהלים לה, ט.

# ברכת מזל טוב

לכבוד ידידנו הנכבד, רודף צדקה וחסד ולא מחזיק טיבותא לנפשיה, אוהב תורה ולומדיה

ה"ה

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

שנדב סכום הגון

**לרגל שמחת הולדת נכדתו למז"ט**

**אצל בנו מו"ה יצחק טובי' נ"י**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שיזכה לראות דורות ישרים ומבורכים, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, בבריות גופא ונהורא מעליא, ולראות רק תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# לזכרון בהיכל ה'

לעילו נשמת האי גברא רבא ויקירא, איש ישר וטוב לב, דבוק בצדיקים

ה"ה

**הרה"ח ר' יצחק בן יהוסף ז"ל**

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, שתהא נשמתו צרורה בצרור החיים בגן עדן, עדי ביאת ינון ויקוצו וירננו שוכני עפר בב"א.

# עמודי הרתוך

ברכת השיר והשבח לכבוד הני נדיבים בעם,
אנשי חיל יראי אלקים, שנדבה לבם הטוב,
**להיות חבר ושותף מידי חודש בחודשו במפעל הקדוש כזה,**
להרביץ תורה ויראה טהורה בקרב עם סגולה

ה"ה

מוה"ר **בעריש קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף מרדכי כהנא** הי"ו

מוה"ר **שמעון קויפמאן** הי"ו

מוה"ר **יוסף בנציון שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **מאיר מרדכי בערקאוויטש** הי"ו

מוה"ר **יחיאל מיכל שלעזינגער** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם,
עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# על הטוב יזכר

הני נדיבים בעם אנשי חיל אשר רוח ה' בם
שמרוב טוב לבם נטלו חלק יפה בהוצאות המרובים
ה"ה

מוה"ר **חיים צבי פריעדמאן** הי"ו

מוה"ר **יואל שווארטץ** הי"ו

מוה"ר **יואל גאלד** הי"ו

לזכות מוה"ר **ימ"ז בן נר"ד** הי"ו

ויה"ר מן קדם אבוהון דבשמיא, דזכות זה יעמוד להם ולזרעם עד עולם,
עם רוב תענוג ונחת דקדושה כל הימים

# יאמץ לבך

עס שטייט פון דעם לובלינער רבי'ן (ע' בספה"ק אגרא דפרקא אות ל"א, בשמו), אז קיין זאך אין דער וועלט, קיין זאך אין דער וועלט האט נישט קיין רשות, צו עס איז א רגע פון פריער, צו עס איז טויזנט יאר פון פריער, צו אפילו טויזנט יאר עבירות ח"ו, עס האט נישט קיין רשות צו מבטל זיין אַן "אמן יהא שמיה רבא", א בלעטל גמרא! אזוי ווי משה רבינו איז מְצווה, ביסטו אויך מְצווה! **דער עבר האט נישט צו זאגן אויפן הווה!** אויב ביסטו מְצווה מה' אלקי ישראל דארפסטו עס טוהן, **דאס איז דאך א געוואלדיגער כלל!**

(עצרת חג – חוה"מ סוכות אחד מהשנים)